# אַ טונקעלער טאָג

ס'איז זעלנערשער מאַנטל אַ טונקעלער טאָג,
איך היל זיך אין אים
מיט אַלע אין ענגן געצעלט
צו טייטשן דעם פּשט פון דער וועלט.
ברעמען מיד.
פּלייצעס פון שווערקייט געבויגן,
אומזיסט האָט אין עמיצנס אויגן
זיך בלאַסלעך צעהעלט
דער פּשט פון דער וועלט.

פּנימער גרוי,
ס'איז חוזק דאָס מינדעסטע וואָרט,
דער שטאַרקסטער געשריי.
אין טונקעלן פעלד שרייט אַ קראָ
ווי אַן עכאָ פון וויי,
וואָס שטייט איבער אונז דאָ
בלינד אין געבויגן,
זקנדיק שווער
אין ענגן געצעלט. —
אומזיסט האָט אין עמיצנס אויגן
זיך בלאַסלעך צעהעלט
דער פּשט פון דער וועלט.